יאָסל קאָטלער

# די ערשטע זיבן יאָר

ישראל
תשל״ט

## אַלטמאָדיש . . .

אַלטמאָדיש בין איך ווי דער גרויסער הימל,
וואָס ליכטיקט זיך פֿון וואָלקן-בראָך אַרויס
מיט שמייכלענדיקן מיטלייַד צום געווימל
פֿון סאַטעליטן אויף זייַן אינסופֿיקער שויס.

אַלטמאָדיש בין איך ווי דאָס מינדסטע גרעזל,
וואָס פּיקט זיך דורך און גרינט בייַ דעם אַספֿאַלט,
וואָס דאַרט און קוואַרט און ווידער ווערט גענעזן
מיט יעדער טראָפּן וואָס פֿון הימל פֿאַלט.

אַלטמאָדיש בין איך גלייַך ווי ערשט געבאָרן
און ווי געוועזן זייַנען די קדושים פֿון מייַן דור,
וואָס ייִנגערן אַלץ מער זיך אין זכּרון
— וואָס בייזער ס׳ווערט דער פֿראָסט אויף מייַנע האָר
— — — — — — — — — —
אַלטמאָדיש בין איך!

## דער ים

דער ים איז הײַנט מילד ווי אַ מאַמע,
ער נעמט דיך אַרום און פֿאַרוויגט
מיט גוטע אַלטמאָדישע גראַמען
וואָס קומען שוין זעלטן צוריק
צו אונדזער צעדולטן יאָרהונדערט,
פֿאַרשיכורט פֿון בלוט און פֿון נאַפֿט.

דער ים איז הײַנט שטיל און פֿאַרוווּנדערט
ווי נאָר-וואָס אַרויס פֿון באַשאַף
פֿון צווי־שן די געטלעכע פֿינגער,
פֿון וועלכע סע טריפֿט נאָך דער טוי
און ס'מערן זיך זוניקע רינגען
אויף נאָר-וואָס געבוירענעם בלוי.

*